.d06b302

# די אקטיוויטעט פון װעלט-פארבאנד

## „אָרט"

1937-1939

# אקטיוויטעט פון „אָרט"-פארבאנד

1937–1939

## פוילן

ביז ענדע 1936 האט זיך די צאָל „אָרט"-אינסטיטוציעס אין פוילן פארטאָפּלט. עס זיינען געווען 6 אינסטיטוציעס מיט אן עפעקטיוו פון 4579 שילער. אין די קומענדיקע 2 יאר האט זיך די ארבעט נאך שטארקער אנטוויקלט און ביזן אנהייב פון מלחמה-אויסברוך זיינען שוין געווען 171 אינסטיטוציעס און די צאל שילער האט דערגרייכט 7359.

### טעכנישע בילדונג

די ארגאניזאציע פון די פראפ. שולן אין פוילן איז מאדיפיצירט געווארן, ווייל מען האט זיך באדארפט צופּאסן צו די נייע מלוכה'שע פארשריפטן. דער ווילנער טעכניקום איז פארוואנדלט געווארן אין א טעכנישער מיטל-שול, די פראפ. מיטל-שול – אין צוויי גימנאזיעס: אין איינע האט מען געלערנט שניידעריי און אין דער צווייטער – וועש-נייעריי.

די איבעריקע זיינען פארוואנדלט געווארן אין פראפ. שולן מיט א לערן-דויער פון 3 יאר.

די צענטערן זיינען געווארן אויסגעברייטערט און פארגרעסערט און אין פיל שטעט זיינען געגרינדעט געווארן נייע שולן.

אין ווארשע איז געגרינדעט געווארן א קורס פאר בויערער און [illegible].

ס'איז געגרינדעט געווארן א ספּעציעלער קורס פאר אינזשעניערן

צוצוגרייטן פאר די דירעקציעס לערן־ווארשטאטן און פראפ.שולן.

אין לאדזש זיינען אויפגעמאכט געווארן פיל קורסן פאר וועבערײַ.

אין ווילנע האט „אָרט" אָרגאניזירט קורסן פאר ראדיא־טעכניק.

### ב. פערפעקציאָנירונג־קורס

די פערפעקציאנירונגס־קורסן פאר די האנטווערקער פון דער קליין אינדוסטריע האבן זיך שטארק אנטוויקלט. א דאנק די ווארעמע און ענגע באציונגען צווישן „אָרט" און די פראפ.ארגאניזאציעס, איז מעגלעך געווען דאס שאפן פון ענלעכע קורסן אין פיל שטעט.

די קורסן האבן געהאט גרויס דערפאלג, באזונדערס אין ווארשע, וואו דער „אָרט" האט געדונגען 2 הייזער צו דעם צוועק.

### ג. פאטראָנאזש פאר פראפ.לערן־יוגנט

אין 1938 איז געגרינדעט געווארן א פאטראָנאזש פאר פראפ.לערן־יוגנט כמעט אין אלע „ארט"־צענטערן צו שיקן יונגע יינגלעך און מיידלעך אין האנטווערקער און אינדוסטרי־ווארשטאטן. צו דעם צוועק זיינען אין ווארשע, ביאליסטאק, באראנאוויטש און אנדערע שטעט געשאפן געווארן קאָמיטעטן, אין וועלכע ס'האבן אנטיילגענומען האנטווערקער־פארשטייער און פארשטייער פון ארגאניזאציעס.

### הילף פאר די האנטווערקער

### א. שטענדיקע פערפעקציאנירונג פון האנטווערקער

אין ווארשע האבן פונקציאנירט 2 צענטערן פון טעכנישער אריענ־טאציע.

איינע פאר האלץ־באארבעטונג און איינע פאר באארבעטונג פון אייזן. עס איז ארויסגעגעבן געווארן א צײַטשריפט „דער האלץ־ארבעטער" צו העלפן אריענטירן זיך די ארבעטער פון דער בראנזשע. דער מעטא־לורגישער צענטער איז אָרגאניזירט געווארן מיט דער הילף פון איינ־

זשעניערן-פארבאנד. אויסער דעם איז געשאפן געווארן א טעכנישער ראט מיטן אנטייל פון די פארשטייער פון „אָרט", אינזשעניערן-פאר- באנד און ארבעטער-ארגאניזאציעס.

## ב. קרעדיטן פאר האנטווערקער

אין 1937 האט „אָרט" גענומען די איניציאטיוו צו העלפן די קאָאָפּעראַטיוון, שאפן רוי-שטאָפן פאר די פאבריקאנטן און געבן מא- שינען און געציַג פאר האנטווערקער.

„אָרט" האט זיך געשטעלט אין קאָנטאקט מיטן פארבאנד פון ייִדי- שע קאָאָפּעראַטיוון, מיט די האנטווערקער-אינסטיטוציעס און האט זיי פיל געהאלפן מיט מאשינען און געציַג.

## ג. די לעגאליזירונג פון די האנטווערקער

דער „אָרט" האט גענומען זיך אן אקטיוון אנטייל ארויסצובאקו- מען א לעגאליזאציע פאר ייִדישע האנטווערקער ביי דער רעגירונג. ער האט געגרינדעט ספּעציעלע קורסן צוצוגרייטן די האנטווערקער פארן אָפיציעלן עקזאמען. דער פּראגראם און א האנט-בוך פון די דעקרעטן זיינען פארעפנטלעכט געווארן. די אויסגאבן זיינען געווארן פארשפּרייט צווישן האנטווערקער, וואָס האבן זיך געגרייט צום עקזאמען. אזעלכע צו- גרייטונגס-קורסן פאר האנטווערקער האבן עקזיסטירט אין 16 שטעט.

## ד. מאשינען-צענטערן

אין לאדזש האט „אָרט" געמאכט די נויטיקע צוגרייטונגען אויפצו- מאכן א וואַרשטאט פון מאשינען פאר קאָלעקטיוון געברויך פאר מעבל- האנטווערקער, וואָס האבן קיין אייגענע ניט פארמאָגט.

## ה. די פאָרמאציע פון אינסטרוקטאָרן

אין צוזאמענארבעט מיטן פארבאנד פון ייִדישע אינזשעניערן, האט

דער „אָרט“ אָרגאַניזירט אין מאַרטש אויסבילדונג-קורסן פאַר צוקונ-
פטיקע אינסטרוקטאָרן. אויסער דעם, האָט א גרויסע צאָל אינסטרוקטאָרן
באַזוכט אין פאַרלויף פון די פעריען אין 1937/38 דעם פערפעקציא-
נירונגס-קורס, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן לויטן אויפטראַג פון
בילדונגס-מיניסטעריום.

די צענטראַל-דירעקציע האָט אויסגעשטעלט 3 וואַנדער-אינסטרוקטאָ-
רן, וואָס האָבן אָרגאַניזירט קורסן פון צוואַנדערער אין די שטעטלעך.

## 3. אינדוסטריאַליזאַציע

אין לאָדזש האָט „אָרט“ מעטאָדיש רעאַליזירט די אויסבילדונג
פון קוואַליפיצירטע האַנטווערקער פאַר דער טעקסטיל-אינדוסטריע. צו
דעם צוועק זענען געגרינדעט געוואָרן לערן-קורסן. „אָרט“ האָט אזוי-
ערנאָך געהאָלפן א גרויסע צאָל יידישע האַנטווערקער אויפגענומען צו
ווערן אין פאַך, אויסער דעם האָט „אָרט“ בייגעשטייערט צו דער גרינ-
דונג פון א קאָלעקטיוון וואַרשטאַט פאַר וועבערס. צענדליקער וועבער האָ-
בן געאַרבעט און ס׳זענען צוגעגרייט געוואָרן נייע קורסן. „אָרט“ האָט
געפירט א ווירקזאַמע פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידישע אינדוסטריעלער לטו-
בת יידישע האַנטווערקער.

## 4. קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר פליטים

די טראַגישע עקספּולסיעס פון די פּוילישע יידן פון דייטשלאַנד
האָט געשטעלט דעם „אָרט“ אין פּוילן פאַר נייע אויפגאַבן.
דער פּראָבלעם פון קאָנסטרוקטיווער הילף און פון טעכנישער אויס-
בילדונג פאַר פליטים איז געווען זייער דרינגענדיק, זייער שלעכטער און
זייער רעכטלאָזע לאַגע האָבן נאָכמער באַשווערט די אויפגאַבע. נאָך א גע-
נויער אויספאָרשונג פון דער סיטואַציע פון די 600 פליטים, זענען
אָנגענומען געוואָרן צוויי דרינגענדיקע מאָסמיטלען:

העלפן אינדיווידועל די, וואָס האבן א פאך, מיט מאטיווירן און געצייג און געבן א פאכלעכע אויסבילדונג די איבעריקע.

די אינטענסיווע ארבעט האט זיך אנגעהויבן אין 1937.

צענטערן פון טעכניקער און לאנדווירטשאפטלעכער אויסבילדונג פאר פליטים האבן עקזיסטירט אין זאָרן, פויזן, ווארשע, סאָסנאָוויץ, מארבאה. פיל פליטים זענען איבערגעשיקט געווארן אין די „אָרט"-שולן אין ווארשע, לאָדז, קאליש, ראדאם, בריסק און אויך אין פריוואטע ווארשטאטן.

## לאנדווירטשאפט

אויב די אקטיוויטעט פון „אָרט" אויפן געביט פון לאנדווירטשאפט האט זיך אין יאר 1936 באגרענעצט מיטן גרינדן לאנדווירטשאפטלעכע קאָאָפעראטיוון, וואָס „אָרט" האט ארגאניזירט און פינאנסירט, האבן זיי זיך אבער אין די קומענדיקע יארן שטארק אויסגעברייטערט.

„אָרט" האט אונטערגענומען א ווירקזאמע פראפאגאנדע אין די פוילישע שטעטלעך צו פאראינטערעסירן די יידישע באפעלקערונג מיט דער לאנדווירטשאפט. 29 לאנדווירטשאפטלעכע צענטערן זענען געגרינדעט געווארן, וווּ 499 פאמיליעס האבן זיך געלערנט ווי א צווייטע פראפעסיע.

נאכן שווערן ווינטער 1937/38 האט דער „אָרט" אויף פרילינג 1938 באשטימט קרעדיטן אײנצוקויפן ליבעדיקן אינווענטאר, פלאנצן ביימער און בינען-צוכט.

עס דארף אויך אונטערגעשטראכן ווערן די ארבעט פון די קאָאָפעראטיווע מילך-אונטערנעמונגען אין ראפאלאָווקא און דובינאָווא.

אלע לאנדווירטשאפטלעכע צענטערן זענען געווען אין ענגן קאָנטאקט מיט די מלוכהשע ארגאניזאציעס פאר לאנדווירטשאפטלעכער אויסבילדונג.

דער צענטראל-קאָמיטעט האט איינגעקויפט א גוט און געגרינדעט א לאנדווירטשאפטלעכע שול אין נאחאטיעלסק ביי ביאליסטאק. די שול איז אויפגעמאכט געווארן אנפאנג 1939 מיט 75 שילער, די מערסטע דייטשע פליטים, באשטימטע אויסצוואנדערן.

אין ווילנע האט „אָרט" ארגאניזירט לאנדווירטשאפטלעכע קורסן, וואָס זיינען באזוכט געווארן פון 60 יידישע פוליטים פון דער אומגעגנט.

די פאלגנדיקע ליסטע באווייזט, אז אין יאר 1939 האבן עקזיסטירט אין פוילן 171 אינסטיטוציעס פון „אָרט" מיט 7359 שילער.

## א. שול פאר יוגנט

| | | | |
|---|---|---|---|
| ביאליסטאק | דאמען-שניידעריי | 191 | שילער |
| בריסק | " " " " | 83 | " |
| " " | מעכאניק | 118 | " |
| " " | סטאלעריי און מעבל-סטאלעריי | 50 | " |
| בראדנע | דאמען-שניידעריי | 140 | " |
| קאָוועל | " " " " | 177 | " |
| קרעמעניץ | מעכאניק | 82 | " |
| " " " | דאמען-שניידעריי | 137 | " |
| ראָוונע | " " " " | 224 | " |
| " " | מענער-שניידעריי | 44 | " |
| סארני | סטאלעריי און מעבל-סטאלעריי | 53 | " |
| וולאדימיר | דאמען-שניידעריי | 174 | " |
| ווארשע | " " " " | 137 | " |
| " " | נאדל-ארבעט | 53 | " |
| " " | קינדער-קליידער | 24 | ". |

## ב. ווארשטאטן און קורסן פאר דערוואקסענע

| | | | |
|---|---|---|---|
| באראנאוויטש | צושניידער-קורס פאר פרויען-קליידער | 25 | " |
| ביאליסטאק | דאמען-שניידעריי | 47 | " |
| " " | קאָרסעטן-מאכעריי | 10 | " |
| " " | צושניידער-קורס | 20 | " |
| כעלם | דאמען-שניידעריי | 66 | " |
| " " | קינדער-קליידער | 18 | " |
| טשענסטאכאוו | מענער-צושניידעריי | 19 | " |
| " " " | אייזנגיסעריי שמידן | 40 | " |
| גראדנע | קאָרסעטן-מאכעריי | 27 | " |
| קאליש | טריקאָ-נייעריי | 14 | " |
| " " | מאשין-מאכעריי | 19 | " |
| קאטאוויץ | הויז-גערטנערייאפט | 15 | " |
| קאָוון | טריקאָטאזש | 21 | " |

| | | |
|---|---|---|
| [illegible] | דאַך־ציגל | 15 דאלער |
| לידע | דאמען־צושניידער־קורס | ״ 28 |
| ״ ״ | טריקאָטאזש | ״ 23 |
| לאָמזשע | ״ ״ ״ | ״ 12 |
| לאָדזש | מעכאניקע וועבעריי | ״ 33 |
| ״ ״ | שטריקעריי | 66 |
| ״ | טריקאָטאזש־נײעריי | ״ 31 |
| ״ ״ | ליטאגראפיע | ״ 7 |
| ״ ״ | דאמען־שניידעריי | ״ 36 |
| ״ ״ | מענער־שניידעריי | ״ 16 |
| ״ ״ | קאָרסעטן־מאכעריי | ״ 59 |
| ״ ״ | שאבלאן־צייכנונג | ״ 8 |
| ״ ״ | טריקאָטאזש | ״ 25 |
| ״ ״ | דאמען־מאכעריי | ״ 17 |
| ״ ״ | גארן־מאכעריי | ״ 28 |
| ״ ״ | טאשן־מאכעריי | ״ 18 |
| ״ ״ | רעקלאמע־צייכענען | ״ 12 |
| ״ ״ | טריקאָטאזש־נײעריי | ״ 27 |
| לובלין | קינדער־קליידער | ״ 35 |
| ״ ״ | דאמען־שניידעריי | ״ 24 |
| ״ ״ | מענער־צושניידער־קורס | ״ 53 |
| מאַקאָוו מאַזאָוו. | קאָרסעטן־מאכעריי | ״ 11 |
| ״ ״ | דאמען־שניידעריי | ״ 35 |
| ״ ״ | טריקאָטאזש | ״ 23 |
| ״ ״ | מענער־שניידעריי | ״ 35 |
| מלאווע | דאמען־שניידעריי | ״ 30 |
| נאוואגרודעק | שאָפערן | ״ 19 |
| פלאָצק | דאמען־צושניידער־קורס | ״ 20 |
| ״ ״ | מענער־צושניידער־קורס | ״ 16 |
| [illegible] | אפיטן־מאלעריי | ״ 14 |
| ״ ״ | דאמען־שניידעריי | ״ 28 |
| ״ ״ | מענער־צושניידער־קורס | ״ 8 |
| פולטוסק | טריקאָטאזש | ״ 23 |
| ״ ״ | מענער־שניידעריי | ״ 45 |
| ראדאם | דאמען־שניידעריי | ״ 46 |
| ראוונע | קאָרסעטן־מאכעריי | 8 |
| ״ ״ | װאסער־אינסטאלאציע | ״ 14 |
| רעדאן | דאמען־שניידעריי | ״ 43 |
| סלאָנים | שאָפערן | ״ 25 |
| סאָסנאָוויץ | ראדיא־טעכניק | ״ 11 |
| ״ ״ | שאָפערן | ״ 27 |
| טארנאו | מענער־שניידעריי | ״ 104 |
| װארשע | דאמען־שניידעריי | ״ 199 |
| ״ ״ | מענער־שניידעריי | ״ 39 |
| ״ ״ | קאָרסעטן־מאכעריי | ״ 73 |
| ״ ״ | קינדער־קליידער | ״ 48 |
| ״ ״ | הוטן־פוצעריי | ״ 64 |
| ״ ״ | גומי־ארבעטער | ״ 22 |
| ״ ״ | שאָפערן | ״ 106 |
| ״ ״ | װאסער־אינסטאלאציע | ״ 36 |
| ״ | פארפולקומונגס־קורס פאר אינזשעניערן | ״ 14 |
| ״ ״ | צושניידער־קורס פאר פרא־ װינצער באלמלאכים | ״ 32 |
| זדונסקא־װאלא | מענער־שניידעריי | ״ 12 |

## ג. האנטװערק און פערפעקציאנירונגס-קורסן פאר האנטװערקער

| | | |
|---|---|---|
| באראנאװיטש | סטאלערײ און מעבל-סטאלערײ | 49 |
| ביאליסטאק | מענער-צושנײדערײ | 75 |
| ״ ״ | שנײדער-קורס פאר האנטװערקער | 38 |
| טשעכאנאװ | מענער-צושנײדערײ | 30 |
| טשענסטאכאװ | דאמען-שנײדערײ | 23 |
| ״ ״ | עלעקטריציטעט | 14 |
| גראדנע | מענער-צושנײדערײ | 23 |
| לאדזש | ״ ״ ״ | 31 |
| ״ ״ | קראגן-מאכערײ | 23 |
| ״ ״ | קירזשנערײ | 12 |
| ״ ״ | פארב. טעקסטיל-פאכן | 46 |
| מאקאָװ מאזאװ. | מענער-שנײדערײ | 20 |
| נאסעלסק | ״ ״ ״ | 20 |
| פלאצק | שיך-צושנײדערײ | 16 |
| ״ ״ | דאמען-צושנײדערײ | 31 |
| פולטוסק | מענער-צושנײדערײ | 33 |
| ״ ״ | דאמען-צושנײדערײ | 37 |
| ראדאם | פריזערן | 17 |
| סאָסנאָװיץ | סאלערײ און מעבל-סטאלערײ | 27 |
| סלאָנים | דאמען-צושנײדערײ פאר מענער | 14 |
| ״ ״ | ״ ״ ״ ״ ״ פרויען | 25 |
| װענגראװ | קאָנפעקציע | 47 |
| װארשע | דאמען-שנײדערײ | 133 |
| ״ ״ | מענער-צושנײדערײ | 25 |
| ״ ״ | שטעפערײ | 37 |
| ״ ״ | סטאלערײ און מעבל-סטאלערײ | 53 |
| ״ ״ | דאמען-שנײדערײ | 47 |
| ״ ״ | מענער-אונטערהעמט, צושנײדערײ | 39 |
| ״ ״ | דאמען-מאנטל | 37 |
| ״ ״ | פרויען-פריזערן | 35 |
| ״ ״ | מענער-פריזערן | 25 |
| ״ ״ | דרוקערײ | 20 |
| ״ ״ | װאטן-מאכערײ | 18 |
| ״ ״ | קאָנדיטארײ | 20 |
| זאװערטשע | מענער-צושנײדערײ | 15 |

## ד. לעגאליזאציע-קורסן פאר האנטװערקער

| | | |
|---|---|---|
| באראנאװיטש | פארבערײטונגס-קורסן פאר די אפיציעלע עקזאמענס........ | 93 |
| ״ ״ ״ | ״ ״ | 27 |
| בענדין | ״ ״ | 45 |
| ביאליסטאק | ״ ״ | 208 |
| ״ ״ ״ | ״ ״ | 122 |
| קאליש | ״ ״ | 51 |
| ״ ״ | ״ ״ | 28 |
| לאָמזשע | ״ ״ | 51 |
| לוצק | ״ ״ | 16 |
| נאסעלסק | ״ ״ | 37 |
| אסטרין | ״ ״ | 25 |
| פלאצק | ״ ״ | 34 |

| | | |
|---|---|---|
| אסטראװיעץ | פארברײטונגס-קורסן פאר די אפיציעלע עקזאמענס | 58 |
| פלאצק | ״ ״ | 23 |
| ראװנע | ״ ״ | 14 |
| סאסנאװיץ | ״ ״ | 23 |
| זאװיערטשע | ״ ״ | 35 |

## ה. פאטראנאזשן

| | | |
|---|---|---|
| װארשע | פאטראנאזש פאר לערן-יוגנט | 60 |
| ביאליסטאק | פאטראנאזש פאר טאג-לוינער | 429 |

## ו. קורסן פאר פליטים

| | | |
|---|---|---|
| פרוזן | מענער-צושנײדערײ | 8 |
| ״ ״ | טריקאטאזש (ערש.קורס) | 21 |
| ״ ״ | ״ ״ ״ (צװײט.קורס) | 20 |
| ״ ״ | טאפעצירער | 16 |
| ״ ״ | שלאסערײ | 8 |
| ״ ״ | דאמען-שנײדערײ | 17 |
| סאסנאװיץ | מאשין-מאכערײ | 40 |
| שאװלאח | הויז-װירטשאפט | 15 |
| ״ ״ | מענער-שנײדערײ | 20 |
| ״ ״ | פריזערן | 15 |
| װארשע | לעדער-ארבעטער | 28 |
| ״ ״ | דאמען-פריזירן | 13 |
| ״ ״ | גאלאליט-פראדוקציע | 11 |
| לבאנשין | דאמען-שנײדערײ | 45 |
| ״ ״ | מענער-שנײדערײ | 17 |
| ״ ״ | גאלד-ארבעטער | 25 |
| ״ ״ | סטאליערײ און מעבל-סטאליערײ | 29 |
| ״ ״ | שלאסערײ | 12 |
| ״ ״ | טאפעצירער | 10 |

## ז. לאנדװירטשאפטלעכע אויסבילדונג

| | | |
|---|---|---|
| אײנבאסאװקע | קורסן פאר יוגנט פון יד.פויערים | 12 |
| קלײן-סעליטש | ״ ״ ״ ״ ״ | 13 |
| אטאמע | ״ ״ ״ ״ ״ | 10 |
| אליזארקי | ״ ״ ״ ״ ״ | 16 |
| אינדיטײטס | ״ ״ ״ ״ ״ | 11 |
| מישקי | ״ ״ ״ ״ ״ | 12 |
| זאלוצק | ״ ״ ״ ״ ״ | 10 |

## „ארט"-אינסטיטוציעס אין װילנע

### א. טאג-שולן פאר יוגנטלעכע

| | | |
|---|---|---|
| װילנע | טעכניקום און מעכאנישע מיטל-שול | 257 |

## ב.קורסן פאר דערװאקסענע

| | | |
|---|---|---|
| הילפע | ראדיא | 74 |
| " " | בינען-צוכט | 45 |
| " " | לאנדװירטשאפט | 64 |

## ג.קורסן פאר פליטים

| | | |
|---|---|---|
| הילפע | אויטאגעניט שװײסן | 26 |

| | |
|---|---|
| ס ך ה כ ל | 7359 |

************
************

## ר ו מ ע נ י ע

### בעסעראביע

די מיטל-שולן אין קישינעוו און אין בעלץ זיינען געווארן פאר-גרעסערט. אין 1937 איז געקויפט געווארן א הויז איינצואָרדנען די מעכאנישע שול. ענדע 1938 האבן די 6 שולן אין בעסעראביע געציילט 485 שילער.

אין בוקאָווינע האט „אָרט" געעפנט 2 נייע סעקציעס איך דער דא-מען-שניידעריי-שול:

טאשן-מאכעריי,

אפליקאציע-קורס.

די פראפ. שול פאר לערן-יונגנס פון 38 פארטיידענע פאך-צווייגן האט געהאט א גרויסן דערפאלג. אין 1937 האבן 250 יונגנטלעכע בא-זוכט די קורסן. אין 1938 האט שוין זייער צאָל דערגרייכט 350.

אין טשערנאוויץ איז אָרגאניזירט געווארן א גרויסע אויסשטעלונג פון שילער-ארבעטן. אין יוני 1938 איז דער אינטערנאט אין טשער-נאוויץ געווארן אן אינסטיטוציע פון ערטסראנגיקער באדייטונג.

יעדן זומער זיינען דורך „אָרט" אָרגאניזירט געווארן שול-קאָלאָ-ניעס אין דער בוקאָווינע. 200 נויט-באדערפטיקע קינדער האבן פאר-בראכט זייער אפרו-צייט אין די בערג. די אקבס-שול אין סאדיגורע איז צוליב פאליטישע סיבות פארמאכט געווארן. צוליב דיזעלבע סי-בות האבן די קורסן פאר דערוואקסענע אין בעסעראביע און אין בו-קאָווינע געמוזט איינשטעלן די טעטיקייט. די פראפ. מיטל-שול אין יא-סי האט פארמאגט 2 סעקציעס: דאמען-שניידעריי און וועש-נייעריי. די שול איז באזוכט געווארן פון 150 שילערינס אין 1937 און דורך 170 - אין 1938.

עס איז אויפגעמאכט געווארן דורכן אָרטיקן קאָמיטעט א ריגג-שול אין יאסי. די שול איז באשטאנען פון 3 סעקציעס: שניידעריי און שלעק

טראָטעכניק. די ראַדיאָ-טעכנישע שול פון בוקארעשט איז געווען זייער פּאָפּולער ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג.

## אינדוסטריאַליזאַציע

דער „אָרט" אין בוקאָווינע האָט פאַרענדיקט זיינע צוגרייטונגען פאַר דער עפענונג פון א וועבער-שול אין טשערנאָוויץ און א וועבער-קאָאָפּעראַטיוו אין וויזשניץ. לײדער איז די דערלויבעניש, וואָס איז שוין געווען אונטערגעשריבן דורכן מיניסטער, אין דער לעצטער מינוט צוריקגעצויגן געוואָרן. צוליב דעם האָבן די קורסן פון וועבעריי און ראַדיאָ-טעכניק נישט געקענט ווערן אונטערגענומען.

## אגריקולטור

אין 1938-39 האָט דער „אָרט" אין בעסאַראַביע און אין בוקאָווינע שטודירט די לאַגע פון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפט. דער אגראָנאָם לינקער האָט באַזוכט 358 ייִדישע פאַמיליעס אין 28 דעפּאַרטאַמענטן און האָט דורכגעפירט אנקעטעס איבער דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די פערמערס. אין רעזולטאַט פון די אנקעטעס האָט ה' לינקער פאָרגעשלאָגן צו העלפן 132 פאַמיליעס, וואָס האָט אויסגעמאַכט די סומע פון 1,830,000 לעי.

דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט באַשטעטיקט דעם פּלאַן און האָט באַשטימט די אויסגאַבן. די רעאַליזירונג האָט אָבער געמוזט ווערן אָפּגעלייגט צוליב פּאָליטישע טעמים. אין 1939 האָט „אָרט" געגעבן א פּראָפ. אויסבילדונג 2044 שילער.

ענדע פון דעם יאָר האָבן פונקציאָנירט פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס:

## בעסאראביע

### א. שולן פאר יוגנטלעכע

| | | שילער |
|---|---|---|
| קישינעוו | דאמען און מענער-שניידעריי | 252 |
| " " | מעכאניק | 110 |
| אָרהייעוו | סטאָלעריי און מעבל-סטאָלעריי | 44 |
| " " | עלעקטריציטעט | 54 |
| טיגינא | מעכאניק | 112 |
| בעלץ | דאמען-שניידעריי | 96 |
| ראזינא | " " " | 65 |

### ב. קורסן פאר דערוואקסענע

| | | |
|---|---|---|
| קישינעוו | ראדיא און עלעקטראטעכניק | 71 |
| " " | דאמען-שניידעריי | 39 |

## בוקאווינע

### א. שולן פאר יוגנטלעכע

| | | |
|---|---|---|
| טשערנאוויץ | מיידל-שול מיט סעקציעס פאר שניידעריי, שטיקעריי, שטריקעריי הויזן-פוצעריי............... | 189 |
| " " | פאטן-מאכעריי | 16 |

### ב. אָוונט-שול פאר יינגלעך און מיידלעך

| | | |
|---|---|---|
| טשערנאוויץ | אָוונט-שול | 322 |

## אלט-רומעניע

### א. שולן פאר יוגנטלעכע

| | | |
|---|---|---|
| יאסי | מעכאניק | 58 |
| " " | עלעקטראמעכאניק | 44 |
| " " | מענער-שניידער | 48 |
| " " | דאמען-שניידעריי און נאדל-ארבעט פאר מיידלעך....... | 241 |
| גאלאץ | מעכאניק | 35 |
| " " | סטאָלעריי און מעבל-סטאָלעריי | 24 |

## ב. קורסן פאר דערװאקסענע

| | | |
|---|---|---|
| בוקארעשט | ראדיא און עלעקטראטעכניק | 48 |
| " " | עלעקטריציטעט | 25 |
| " " | דאמען-שנײדערײ | 56 |
| " " | מענער-שנײדערײ | 24 |
| " " | מענער-אונטערװעש | 16 |
| " " | טאשן-מאכערײ | 32 |
| גאלאץ | עלעקטריציטעט | 23 |
| סך הכל | | 2044 |

**********

## ל י ט ע

אין פארלויף פון 1937 ביז 1939 האט דער ליטװישער „אָרט“ גע-
עפנט צענטרען אין 17 פראװינץ-שטעט.

די פראפ. „אָרט“-שולן אין קאָװנע, אײנגעארדנט אין זײער אײגענעם
בנין, זענען געװען גוט באקאנט אין גאנצן לאנד אונטערן נאמען
„ײדישע הײז פון ארבעט“. די קורסן פון דער שול זענען באזוכט גע-
װארן פון 220 שילער. די אלע, װאָס האבן געענדיקט די שול, האבן בא-
לד געפונען ארבעט.

אין דעם פעריאד האט דער ליטװישער „אָרט“ פארגרעסערט די שול
און פארפולקומט די אויסשטאטונג, גאנץ באזונדער די אפטײלונג פון
מעכאניק און שלאָסערײ.

א סעקציע פון מאָטאָציקל-רעפאראטור, װי אויך אנדערע קורסן, זע-
נען געשאפן געװארן אין פארשײדענע שטעט פון דער פראװינץ. אויסער
דעם – קורסן פאר פאכלעכער אויספארמירונג פון דערװאקסענע. כדי צו
דערמעגלעכן די שילער זײער פראפעסיאנעלע אויסבילדונג, האט דער
ליטװישער „אָרט“ באשטימט א שול-סטיפענדיע.

## הילף פאר פליטים

„אָרט" האט אנטװיקלט א שטארקע אקטיװיטעט לטובת די פליטים פון מעמעל. דאָס דרינגנדיקסטע פראבלעם, װאָס דער ליטװישער „אָרט" האט געהאט צו לײזן, איז געװען די פראפ. אויסבילדונג פון די פליטים און פון זײערע קינדער, סײ אין די לאָקאלן פון „אָרט" און סײ אין פריװאטע װארשטאטן, געבן מאשינען און געצײג פאר באלמלאכות און צולעטס – שאפן פראפ. שולן מיט אן אינטערנאט, באשטימט פאר קינדער, װאָס דארפן לערנען א מלאכה.

א דאנק די אָנשטרענגונגען פון „אָרט" אין קאָװנע, האבן 79 פערזאָן זיך אײנגעארדנט, מײסטנס אין פריװאטע אונטערנעמונגען.

די פארם-שול אין קאלינאָװאָ האט פאָרגרעסערט איר שטעטיקײט אויף א צופרידנשטעלנדיקן אופן און געגעבן רעגולערע אגריקולטור-אויסבילדונג 96 ײנגעלײט.

דעם 31-טן דעצעמבער 1939 האבן פונקציאנירט אין ליטע פאָלגנדיקע שולן:

### א. שולן פאר יוגנטלעכע

| | | שילער |
|---|---|---|
| קאװנע | מעכאנישע שול, | |
| | סעקציע פאר אויטא-רעפאראטור... | 179 |
| | סעקציע פאר עלעקטריציטעט | 52 |
| | מײדל-שול פאר שנײדערײַ | 94 |
| װילקאָמיסקי | מעכאניק | 36 |
| | דאמען-שנײדערײַ | 20 |
| שאװל | דאמען-שנײדערײַ | 81 |

### ב. קורסן פאר דערװאקסענע

| | | |
|---|---|---|
| קאָװנע | דאמען-מאנטל-צושנײדערײַ | 7 |
| | מענער-צושנײדערײַ | 16 |
| | פרויען-צושנײדערײַ | 55 |
| | דאמען-שנײדערײַ | 22 |
| | קינדער-קלײדער | 15 |
| שאװל............... | הויזן-פוצערײַ | 28 |
| | דאמען-צושנײדערײַ | 14 |
| סך הכל | | 619 |

## ל ע ט ל א נ ד

אין צוזאמענהאנג מיט די מלוכהשע אויסנאם-געזעצן, פאר יידישע געזעלשאפטן, האט זיך דער לעטלענדישער „אָרט" געפונען פנים אל פנים מיט געהאלטיקע שוועריקייטן. ניטש געקוקט אויף דעם אלעם, האט „אָרט" באוויזן פארצוזעצן זיין נארמאלע אקטיוויטעט.

די שול אין ליבאו האט געפייערט איר 50-טן יאָרטאָג.

### טעכנישע אויסבילדונג

ביז ענדע יאר 1939 האט „אָרט" פארגרעסערט די צאָל פון זיינע אינסטיטוציעס און פון זיינע טילער. אין ריגע זיינען געשאפן געווארן מיטלערע קורסן פאר דערוואקסענע.

א קורס פאר קינדער-קליידער.

א צושניידעריי-קורס פאר מענער-אונטערוועש.

א קורס פאר דאמען-שניידעריי.

דאבגאַווּפּילץ איז געעפנט געווארן א קורס פאר קאָרסעטן-מאכעריי.

### הילף פאר פליטים

פאר די אנגעקומענע דייטשע פליטים אין לעטלאנד אין יאר 1939 האט דער „אָרט"-קאָמיטעט אין ריגע ארגאניזירט ספעציעלע פאך-קורסן פון ביכלמאכעריי פאר מענער, דאמען-שניידעריי – פאר פרויען. עס זיינען גלייכצייטיק געעפנט געווארן לערן-ווארשטאטן, ווו אויך צאָלרייכע פליטים זיינען אנגענומען געווארן אויף די קורסן פון „אָרט".

אין אלגעמיין האבן 100 פליטים באזוכט די קורסן.

### ליסטע פון די „אָרט"-אינסטיטוציעס אין לעטלאנד

(דעם 31-טן דעצעמבער 1939)

**א. שולן פאר יוגנטלעכע**

| | | |
|---|---|---|
| ריגע | מידל-שול דאמען-שניידעריי | 121 |
| דאבגאַווּפּילץ | מעכאניק | 68 |

| | | |
|---|---|---|
| דאגאחפילץ | סטאלערי און מעבל-סטאלערי | 36 |
| ״ ״ | נאדל-ארבעט פאר מיידלעך | 65 |
| ליערפאיא | מעבאבלק· | 54 |

ב.קורסן פאר דער דערוואקסענע

| | | |
|---|---|---|
| האגע | דאמען-שניידערי | 31 |
| ״ ״ | הוטן-פוצערי | 25 |
| ״ ״ | קאָרסעטן-מאכערי | 20 |
| ״ ״ | קינדער-קליידער | 9 |
| ״ ״ | נאדל-ארבעט | 1 |
| ״ ״ | אונטערוועש-צושניידערי | 4 |
| דאגאחפילץ | קאָרסעטן-מאכערי | 7 |
| ליעפאיא | דאמען-שניידערי | 32 |

ג.קורסן פאר פליטים

| | | |
|---|---|---|
| ריגע | גאדל-ארבעט | 15 |
| ״ ״ | מענער-צושניידערי | 20 |
| ״ ״ | ענגלישע שפראך | 100 |
| ״ ״ | שפאנישע שפראך | 12 |
| | סך הכל | 661 |

## ב ו ל ג א ר י ע

דער „אָרט„,האָט האט דאָ אנגעפאנגען זיין ארבעט אין יאר 1935 האט זיך שטארק אנטוויקלט אין פעריאָד 1937/39.

א דאנק דער סימפאטיע פון די בולגארישע יידן,האט דער „אָרט„ געקענט דורכפירן א קאָנסטרוקטיווע און זייער נוצלעכע טעטיקייט אין צוזאמענארבעט מיט די אנדערע יידישע ארגאניזאציעס פון לאנד.

### פראפעסיאנעלע אויסבילדונג

אין 1937 זענען אין בולגאריע געגרינדעט געווארן 3 ווארשטאטן ביי די עלעמענטארע שולן אין סאָפיע.

א ווארשטאט פאר האלץ-ארבעט,

א ווארשטאט פאר איינבינדערי,

א ווארשטאט פאר דאמען-שניידערי.

אין 1938 זיינען געגרינדעט געווארן:א ווארשטאט פון האלץ-ליימטלעך פאר עלעקטרישע אינסטאלאציעס און א ווארשטאט פאר דאמען-שניידערי. ס'איז אויך צוגעגרייט געווארן א שלאָסערי-ווארשטאט.אויסער דעם - קור-

סן פאר ראדיא און א טעארעטישער קורס פאר חעברים.די אלע קורסן זײנען באזוכט געװארן דורך 207 שילער.

אינדוסטריאליזאציע

דער „ארט„ אין בולגאריע האט פלאסירט 15 יונגנטלעכע אין דער טעקסטיל-אינדוסטרי און האט ארגאניזירט טעארעטישע דערגענצונג-קורסן מיט א דויער פון 6 חדשים.8 יינגלעך זײנען פלאסירט געװא-רן אין שטײן-קאריערעס.

לאנדװירטשאפט

נאך א לענגערער צוגרײטונג-ארבעט,האט זיך דער „ארט„ אין בול גאריע אין יאר 1939 אײנגעגעבן צו ארגאניזירן די לאנדװירטשאפט לעכע אויסבילדונג פון 100 פערזאן.

עס זענען געגעבן געװארן פראקטישע קורסן אין די אינסטיטו-ציעך און פראקטישע ארבעטן זענען אויסגעפירט געװארן אין די מלוכה-גיטער.

דעם 31-טן דעצעמבער 1939 האבן פונקציאנירט פאלגנדע קורסן:

א.שולן פאר יוגנטלעכע

| | | שילער |
|---|---|---|
| סאפיא | סטאלעריי און מעבל-סטאלעריי | 55 |
| " " | אײנבינדעריי | 52 |
| " " | עלעקטראטעכניק | 39 |
| " " | דאמען-שנײדעריי,קורס 1 | 39 |
| " " | " " " " 2 | 44 |

ב.קורסן פאר דערװאקסענע

| | | |
|---|---|---|
| סאפיא | ראדיא און עלעקטראטעכניק | 20 |
| " " | גארבאריי | 27 |
| " " | לאנדװירטשאפט | 93 |
| | סך הכל | 369 |

********

## פראנקרײך

די אקטיװיטעט פון „אָרט" אין פראנקרײך, װעלכע האט זיך אָנגעהויבן אין 1933 מיטן גרויסן צופלוס פון ײדישע פליטים פון דײטשלאנד, האט זיך באזונדערס שטארק אויסגעברײטערט אין די יארן 1937 1938 און 1939, װען עס זענען נאך צוגעקומען די פליטים פון עסטרײך און טשעכאסלאװאקיע.

אנטקעגנצוקומען די נויטן פון די פליטים, פון װעלכע א טײל האט זיך גװאלט באזעצן אין פראנקרײך און די איבעריקע — מיטן אויסזיכט צו פארן מעבר לים, האט דער פראנצויזישער „אָרט" געגרינדעט א צאל נײע אינסטיטוציעס. אײנפלוסרײכע פראנצויזישע פערזענלעכקײטן האבן זיך פארינטערעסירט מיט אונזערע טעטיקײט. באראן ראבערט דע ראטשילד, די פאמיליע פון באראָן דע גינזבורג, פיער דרײפוס, אדװ. בערנהײם א. א.

דער פאקט, װאָס דער זיץ־ארט פון „אָרט"־פארבאנד האט זיך געפונען אין פאריז, האט פיל מיטגעהאלפן דעם פראנצויזישן „אָרט".

די אקטיװיטעט איז דערנאך פארגעזעצט געװארן אין פאריז, אין שטעל, אין װילנעװ, װי אויך אין אנדערע ערטער, װו עס האבן זיך געפונען פליטים.

### טעכנישע אויסבילדונג

אין 1937 זענען די שולן און קורסן באזוכט געװארן פון 450 שילער. אין 1938, זענען געװען 750 שילער און ערב מלחמה־אויסברוך — 981.

א דאנק דער איניציאטיװ פון באראָן פיער דע גינזבורג און פון זײן זון, איז אין פאריז געגרינדעט געװארן א מאדערנע מעכאנישע שול און א הײם. װאָס דער לעצטער האט געשטעלט צו דער דיספאזיציע פון „אָרט".

600 פליטים, די מערסטע פון עסטרײך, האבן זיך אײנגעארדנט

אין טעל.

דער „אָרט„ האט דארט געגרינדעט 4 פראפ.קורסן פאר טאשן-מא-כערײ, גארטל-מאכערײ און קלײדער-פארציררונג,קאָסמעטישע און אינ-דוסטריעלע כעמיע,א גערטנערײ-קורס און 2 קורסן פון פראנצויזיש און ענגליש.

די אלגעמײנע צאָל שילער פון די אלע קורסן איז געשטיגן ביז 250,װאס מאכט אויס אן ערך 2/3 פון די שילער פליטים,װעלכע האַ-בן געבעטן א פראפעסיאנעלע צוגרײטונג.

לאנדװירטשאפט
---

אין 1933 האבן זיך א סך פליטים פון דײטשלאנד געװאנדן צום „אָרט„ נאך הילף און עצות.

30 פאמיליעס האט „אָרט„ געהאלפן אײנארדנען זיך אויף ערד. אין יענעם מאמענט איז לײכט געװען צו געפינען אין דעפארטאמענט לאָט ע גאראַן פרײע שטחים.א דאנק דער מאטעריעלער און טעכנישער הילף פון „אָרט„,האבן דידאזיקע פאמיליעס געפונען א סיטואציע. די אגראנאמען פון „אָרט„ האבן זײ אפט באזוכט,זיך אינטערעסירט מיט זײער לאגע און זײ דערמוטיקט איבערצוקומען די שװעריקײטן.

די געשעעניש אין 1938 האבן באװיזן די אויסברײטערונג פון דער לאנדװירטשאפטלעכער אפטײלונג פון „אָרט„-פארבאנד.

צוגלײך מיט דער הילף פאר די ײדישע פליטים פון װילנע,האט די צענטראלע דירעקציע פיל מיטגעהאלפן די צאלרײכע עמיגראנטן אײנצוארדנען זײ אין דעם ראיאָן װי פארמערס און ערד-ארבעטער.

א לאנדװירטשאפטלעכע קאָמיסיע האט געארבעט איבערן פראיעקט פון א שול-פארם און פון לערן-גערטנער.

די צענטראל-דירעקציע האט באשטעטיקט דעם פלאן צו גרינדן א שול-פארם אינעם גוט לא ראָש.

אין 1939 איז אין טעל אויפגעמאכט געװארן דער ערשטער לערן-

גארטן, האָט געהאט פאר א ציל צו העכן די איניציאטיוו ביי די שילער פאר גערטנעריי.

אן אנדער גארטן איז געגרינדעט געווארן אין ליאָן לויט דער איניציאטיוו פון פליטים-קאָמיטעט און געשטיצט געווארן דורך דער צענטראל-דירעקציע.

די אויסשטעלונג

דער „אָרט„ האָט אויך אנטיילגענומען אין דער וועלט-אויסשטעלונג וועלכע איז פארגעקומען אין פאריז אין יאר 1937. זיין סטאנד, וו ס'איז געווען אויסגעשטעלט וויכטיקע ארבעט, האט געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון א צאלרייכן פובליקום. מען האט געמוזט פארמאגן פיל פארטרויען און גלייבן אין ווערט און אין דער ווירקזאמקייט פון אונזער אקטיוויטעט זיך אנטשליסן אנטיילצונעמען אין א וועלט-אויסשטעלונג, וו אלע לענדער האבן געגעבן דעם מאקסימום פון זייער פראָדוקציע. דער גרויסער דערפאלג פון אונזער סטאנד, די גאָלדענע און זילבערנע מעדאלן פאר די שילער-ארבעטן האבן באוויזן, אז „אָרט„ האט ניט איבערגעשאצט זיינע מעגלעכקייטן. איבער א מיליאן באזוכער האבן באוואונדערט אונזערע ארבעטן.

די פאטאגראפישע אויפנאמען פון „ארט„-קורסן און ווערקשטעטן„, די מאדעל-ארבעטן פון אונזערע שילער אין פוילן, רומעניע, ליטע, לעטלאנד, די שול אין ווילנע, אונזערע שולן אין פאריז, די פראדוקטן פון אונזערע לאנדווירטשאפטלעכע קאָאָפעראטיוון, האבן באוויזן דעם קאמבינירטן חלק פון די יידישע מאסן צו ווערן א פראדוקטיווער עלעמענט אין דער געזעלשאפט, וו זיי זאָלן זיך גאר נוצלעך געפינען.

אן אילומינירטע געאגראפישע קארטע האט באצייכנט אלע ווינקעלען אויף אונזער ערד, וו עס האט דערגרייכט די אקטיוויטעט פון „ארט„.

די אויסשטעלונג איז באזוכט געווארן פון רעפובליק פרעזידענט פון דער פראנצויזישער רעפובליק אלבערט לעברון און אנדערע גרוי-

סע פערזענלעכקײטן.

ענדע 1939 האבן פונקציאנירט אין פראנקרײך פאלגנדיקע אינס-טיטוציעס:

## א.שולן פאר יוגנטלעכע

| | | |
|---|---|---|
| פאריז | מעכאניק | 50 |
| " " | סטאלערײ און מעבל-סטאלערײ | 35 |
| " " | שנײדערײ פאר יונגע מײדלעך | 20 |

## ב.קורסן פאר פליטים

| | | |
|---|---|---|
| פאריז | מענער-צושנײדערײ | 49 |
| " " | שנײדערײ | 126 |
| " " | דאמען-שנײדערײ | 75 |
| " " | הוטן-פוצערײ | 119 |
| " " | קאָרסעטן-מאכערײ | 75 |
| " " | קינסטלעכע בלומען | 48 |
| " " | הענטשקעס | 18 |
| " " | מאלערײ אויף זײד | 22 |
| " " | פאסקעס און דאמען-טאשן | 25 |
| " " | ראדיא און עלעקטראמעכאניק | 131 |
| " " | קינא-אפעראטארן | 45 |
| " " | עלעקטריציטעט | 78 |
| " " | טרײב-מאשין-מעכאניק | 86 |
| " " | מעכאניק | 76 |
| " " | אויטאגענישע שװײסן | 73 |
| " " | אײזן-טאקערײ | 40 |
| " " | ארטיקל פאר הויזװירטשאפט | 33 |
| שעל | פאסקעס | 25 |
| " " | טאשן-מאכערײ | 85 |
| " " | קאָסמעטישע כעמיע | 18 |
| " " | לאנדװירטשאפט | 38 |
| " " | פראנצויזישע שפראך | 30 |
| | סך הכל | 1,428 |

*********

## ש װ ײ ץ

די שװײץ איז געװארן אײנגעשלאָסן אין די לענדער פון דער "אָרט"-אקטיװיטעט אין מאמענט פון צאלרײכן פליטים-צופלוס, בא-קומענע פון עסטרײך, נאכן "אנשלוס". בײ דער לאגע האט "אָרט" זיך געזען געצװאונגען צו שאפן קורץ-טערמיניקע קורסן פאר פראפעסיאָ-

בעלער אויסבילדונג אין צוזאמענארבעט מיט דער שווייצער פעדעראציע פאר ײדישער הילף.

די „אָרט"-טעטיקייט אין דער שווייץ האט זיך אָנגעפאנגען אין ציריכער קאנטאָן. אין יאר 1939 האבן פונקציאנירט פאלגנדיקע קורסן:

1. קורס פאר שוין-פענצטער-דעקאראטארן אין לאגער פון האזענבערג.

2. קורס פאר שיך-רעפאראטור אין לאגער פון סטעפא. (לערן-דויער 3 חדשים)

3. קורס פאר שרײב-מאשין-רעפאראטור (לערן-דויער 4 חדשים) אין לאגער פון אלביס.

4. קורס פאר צוקערלעך-מאכער אין ציריך.

דער צוקערלעך-מאכער-קורס איז געענדט און באשטימט געווארן פאר עלטערע מענטשן, וואָס האבן נישט געהאט קײן שום פאך. די קורסן האבן מיט זיך פארגעשטעלט א נײס אין דער פראפ. אויסבילדונג און האבן באוויזן אז „אָרט" האט זיך געקענט צופאסן צו די באדינגונגען, געמענדיק אין אכט די עלטער און די אויפנטהאלט-באדינגונגען פון די פליטים. אין באזעל האט „אָרט" ארגאניזירט א קורס פאר שיך-רעפאראטור, סטאלערײ, חעט-נײערײ. די רעזולטאטן אין 1939 זענען געווען צופרידנשטעלנדע. די אויסברײטערונג פון דער טעטיקײט איז אויך צוגעגרײט געווארן אויף די קאנטאָנען זשענעװ און סען-גאלען.

קורסן

| | | |
|---|---|---|
| האזענבערג | שוי-פענצטער-אויסשטעלונג | 8 |
| סטעפא | שיך-רעפאראטור | 24 |
| אלביס | שרײב-מאשין-רעפאראטור | 20 |
| ציריך | צוקערלעך-אויסארבעטונג | 24 |
| באזעל | שיך-רעפאראטור | 20 |
| " " | סטאלערײ און מעבל-סטאלערײ | 30 |
| " " | דאמען-שנײדערײ | 71 |
| סך הכל | | 197 |

********

## דייטשלאנד

ווען די יידישע מאסן-עמיגראציע פון דייטשלאנד איז אין 1936 געווארן אומפארמיידלעך, האט מען זיך גענומען צוגרייטן די יידישע יוגנט צו דער אויסוואנדערונג אין א ריי לענדער און אזוי ווי מעגלעך — איינגלידערן זיי דארט אין עקאנאמישן לעבן. דער "אָרט" האט דעמאלט באקומען פון דער דייטשער רעגירונג די דערלויבעניש צו עפענען אין בערלין צו דעם צוועק א צענטראלע שול פאר פראפ. אויסבילדונג, וואָס איז פארזען געווארן מיט מאדערנע געצייג און איז גוט ארגאניזירט געווארן. אין דער יינגל-שול זיינען געשאפן געווארן סעקציעס פון מעכאניק און שלאָסעריי, א סעקציע פאר עלעקטראטעכניק און א סעקציע פאר וואסער-און גאז-אינסטאלאציע.

אחוץ דעם זיינען אויפגעמאכט געווארן עלעקטראטעכנישע ווארשטאטן פאר דערוואקסענע.

א גרופע יוגנטלעכע איז געשיקט געווארן קיין קאוונע, וווּ עס זיינען ספעציעל געשאפן געווארן קורסן פאר די פליטים. פארן מלחמה-אויסברוך איז א גרויסער טייל פון דער שול צוזאמען מיטן פערסאנאל עוואקואירט געווארן קיין ענגלאנד, לידז, וווּ עס איז פארגעזעצט געווארן די ארבעט.

אין דער בערלינער "אָרט"-שול זיינען אויך ארגאניזירט געווארן קורסן פאר דערוואקסענע, וועלכע האבן פונקציאנירט ביזן יאר 1943.

## ע נ ג ל א נ ד

אין אויגוסט 1939, קורץ פארן מלחמה-אויסברוך, איז א טייל פון דער מעכאנישער "אָרט"-שול אין בערלין, צוזאמען מיט די פראפעסארן און אומגעפער 100 שילער, עוואקואירט געווארן קיין ענגלאנד.

די מעכאנישע שול איז אינסטאלירט געווארן אין לידז און האט דארט געגעבן א פראפ. אויסבילדונג א סך יונגע פליטים. די שול האט

פונקציאנירט ביזן יאר 1942. דעמאלט זענען די מיסטע טילער פאר-טיקט געווארן אין געצווונגענע ווין-טרסטער און אינטערנירונגס-לא-גערן.

צוליב שוועריקייטן צו באקומען מאשינען און געצייג, האט זיך די טול געשלאָסן.

## עסטרייך

אלס פועל-יוצא פון דער שחיאן-קאָנפערענץ און די אונטערהאנד-לונגען, וואָס עס האבן אונטערגענומען די פארטרעטער פון עסטרייכשן און אונגארישן יידנטום מיטן „אָרט"-פארבאנד, האבן מיר אנגעפאנ-גען אונזער ארבעט אין די ביידע לענדער.

מיר האבן אנגענומען די איינלאדונג פון פראפ. היינריך פאָן נוי-מאן, דער גוט-באקאנטער פארטרעטער פון עסטרייכשן יידנטום, און מיר האבן געשיקט אונזער גענעראל-אינספעקטאר פאר טעכנישער אויסביל-דונג, אינזש. ל. פרענקעל, צו שטודירן די ארבעטס-מעגלעכקייטן אויפן ארט.

אנהייב אויגוסט 1938 האט די ארבעט זיך אָנגעהויבן אין ווין, אין אזוי גערופענעם „אומשיכטונגס-לאגער" (אין שטאדלוי, בײ ווין). דער לאגער האט געציילט 350 טילער, וואָס האבן באזוכט פארשיידענע קורסן פאר אינדוסטריעלער און לאנדווירטשאפטלעכער אויסבילדונג. די גרופע האט שפעטער געזאָלט עמיגרירן קיין פאראגוואי.

באזונדער האט „אָרט" צוגעגרייט די דערעפענונג פון פארשיידע-נע טעכנישע אויסבילדונגס-קורסן. די מאסמיטלען זענען געווען פון גרויסער באדייטונג.

א קאָמיטעט איז ספעציעל אפגעפארן קיין פאראגוואי. זי האט זיך אבער שפּעטער אפגעשטעלט אין מאנטעווידעא. דארט האט זי פארהאנדלט וועגן איינלאזן די טילער פון שטאדלוי. נאכן צושטעלן דעם אגרי-קולטור-מיניסטער א פילם פון דער ארבעט אין לאגער, האט דער

מיניסטער אויסגעדריקט זײן צופרידנקײט און געגעבן די דערלויבע-
ניש. לײדער האט דער אויסברוך פון קריג געשטערט די רעאליזירונג
פון דאָזיקן פלאַן.

## א ו נ ג א ר ן

שוין אין יאר 1936 האבן אײניקע אנגעזעענע פארשטײער פון
אונגארישן ײדנטום אויסגעדריקט זײער באגער, אז דער „אָרט" זאָל
אנהײבן א טעטיקײט אין אונגארן. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק
אויף דער קאָנפערענץ אין עװיאן. די פארשארפטע געזעצן קעגן ײדן
האבן געשטויסן די אונגארישע דעלעגאציע צו זוכן קאָנקרעטע הילף
בײם „אָרט".

דער דעלעגאט פון „אָרט"-פארבאנד װילהעלם גרעץ איז געפארן
קײן בודאפעשט צוצוגרײטן די דערעפענונג פון די פראפ. קורסן און
האט געהאָלפן רעאָרגאניזירן די קורסן פון פראפ. אויסבילדונג,
װאָס זײנען שוין פריער געשאפן געװאָרן דורך די לאָקאלע ײדישע
קאָמיטעטן.

מיט דער הילף פון „אָרט"-פארבאנד זײנען אינגיכן געשאפן גע-
װאָרן „אָרט"-אינסטיטוציעס אין דער הויפט-שטאט און אין א רײ
פראװינץ-שטעט. די װארשטאטן זײנען שטארק אפגעשאצט געװאָרן דורך
דער רעגירונג, פונקט אזוי װי דאס צושטעלן מאשינען פאר קלײנע
באלמעלאכעס און הײם-ארבעטער. די „אָרט"-אינסטיטוציעס האבן זיך
אויסגעצײכנט מיטן הויכן ניװאָ פון זײערע אינסטרוקטארן און מעכ-
נישער בילדונג, װאָס איז געגעבן געװאָרן די שילער.

װען עס זענען ארויס די ראסן-געזעצן און א גרויסע צאָל ײדן
איז ארויסגעשטויסן געװאָרן; געװאָרן פון זײערע פאזיציעס, האט
מען זיך גענומען אינטערעסירן מיטן געלונגענעם פרװו צו באזעצ-
ן ײדישע פליטים אין װילנעװ, פראנקרײך, כדי אויך באנוצן דעם
זעלבן בײשפיל אין אונגארן.

די אקטיוויטעט פון „אָרט„ איז זיך אין א קורצער צײַט היפש צע־וואקסן און ענדע 1939 האט די צאָל טיילער פון די פראפ.קורסן דערגרייכט 777.

דעם 31-טן דעצעמבער 1939 האבן פונקציאנירט אין אונגארן פאָלגנדיקע קורסן:

א. פראפעסיאנעלע יוגנט-שול

| | | |
|---|---|---|
| בודאפעסט | מעכאניק | 88 |
| " " | שניידעריי פאר יונגע מיידלעך | 45 |

ב. פראפ.קורסן פאר דערוואקסענע

| | | |
|---|---|---|
| בודאפעסט | ראפיע-ארבעט | 28 |
| נאגיטעלעס | קויטן-פלעכטעריי | 120 |
| הוסט | " " " | 120 |
| [illegible] | בלוזן-העפטעריי | 60 |
| ויאטין | " " " | 75 |
| עקערמעזש | " " " | 70 |
| דאָלהאָ | " " " | 50 |
| דאמבאָ | " " " | 40 |
| קחעזד | " " " | 80 |
| | סך הכל | 776 |

************
***********

## די קאָנפערענץ אין עוויאן

אויף דער איניציאטיוו פון פרעזידענט רוזוועלט, איז אין יוני 1938 גערופן געווארן אן אינטערנאציאנאלע קאָנפערענץ אין עוויאן-לע באן, וו עס האבן אנטיילגענומען 32 נאציעס.

„אָרט„ האט אויף דער דאזיקער קאָנפערענץ פאָרגעשטעלט א מעמאָ-ראנדום, וו עס איז געקומען צום אויסדרוק זיין שטאנדפונקט צו עמיגראציע און קאָלאָניזאציע; קאָנסטרוקטיווע הילף פאר פליטים און די נויטיקייט פון ווייטער פראפעסיאנעלער אויסבילדונג.

א דעלעגאציע, וואָס איז באשטאנען פון דר. לעאָן בראמסאָן, לאָרד

קורסן פאר יוגנטלעכע פון 16–17 יאר און ספּעציעלע קורסן פאר דער־װאקסענע צװישן 18–30 יאר.

אין די אימיגראציע־לענדער האט זיך זײער װײניק אנטװיקלט קורץ־טערמיניקע קורסן. האָס פארא כאראקטער די אינסטיטוציע זאָל ניט טראָגן, איז װיכטיק דער פּראקטישער אונטערריכט. די װאָרשטאטן װילן גוט אויסגעשטאַט װערן, די טײלער זאָלן אין א מינימום צײט זיך אויסלערנען דעם מאקסימום.

דער אויסװאל פון פאך פאדערט א באזונדערע אויפמערקזאמקײט. עס דארף דער עיקר געװאָרנט װערן צו לערנען די פאכן, װאָס דערמעגלעכן די אימיגראנטן צו שאפן זיך אן אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ.

דער „אָרט“ שלאָגט פאר צו גרינדן אין דײטשלאנד און אין עסטרײך אין די קומענדיקע 4 יאר 35 אינסטיטוציעס, װו 55,000 פּערזאָן זאָלן באקומען אן אויסבילדונג פון האנטװערקער און לאנדװירטן.

אין מערב־אײראָפּע און אויך אין די לענדער מעבר־לים װיל „אָרט“ אָרגאניזירן 140 קורץ־טערמיניקע קורסן, װו פון 1939 ביז 1943 װילן 17,500 פּערזאָן באקומען א טעכנישע אויסבילדונג.

קײן שום פּראקטישער אויספיר איז, לײדער, פון דער שײנער קאָנפערענץ ניט ארויסגעקומען, אבער אלע לענדער, װאָס האבן דאָרט אנטײלגענומען, האבן זיך געקענט אפּגעבן א רעכענונג פון דער װיכטיקער אקטיװיטעט פון די פארשידענע ײדישע ארגאניזאציעס, באזונדערס — פון דער פּראָדוקטיװער ארבעט, װאָס „אָרט“ האט געמאכט און פּאָרגעשלאגן צו מאכן, כדי צו געבן דער ײדישער יוגנט א פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג, פּראָדוקטיװיזירן די דערװאקסענע און העלפן זײ אײנגלידערן זיך אין עקאָ־נאָמישן לעבן פון די אימיגראציע־לענדער.

**************

*************